בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת מקץ - חנוכה תשע"ז

גליון 390 [שנה ט']

**על היאור אדער על שפת היאור**

וּפַרְעֹה חֹלֵם וְהִנֵּה עֹמֵד עַל־הַיְאֹר וְהִנֵּה מִן־הַיְאֹר עֹלֹת שֶׁבַע פָּרוֹת יְפוֹת מַרְאֶה וּבְרִיאֹת בָּשָׂר.. וְהִנֵּה שֶׁבַע פָּרוֹת אֲחֵרוֹת עֹלוֹת אַחֲרֵיהֶן מִן־הַיְאֹר רָעוֹת מַרְאֶה וְדַקּוֹת בָּשָׂר: (מא א–ג) וַיְדַבֵּר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף בַּחֲלֹמִי הִנְנִי עֹמֵד עַל־שְׂפַת הַיְאֹר: וְהִנֵּה מִן־הַיְאֹר עֹלֹת שֶׁבַע פָּרוֹת בְּרִיאוֹת בָּשָׂר.. וְהִנֵּה שֶׁבַע פָּרוֹת אֲחֵרוֹת עֹלוֹת אַחֲרֵיהֶן דַּלּוֹת וְרָעוֹת: (מא יז– יח) אינטרעסאנטע דיוקים: ווייל ווען די תורה דערציילט וועגן די פָּרוֹת סיי די פָּרוֹת יְפוֹת מַרְאֶה סיי די פָּרוֹת אֲחֵרוֹת רָעוֹת מַרְאֶה ווערט דערמאנט מִן־הַיְאֹר און ווען פרעה דערציילט זיין חלום שטייט יְאֹר נאר ביי די פָּרוֹת יְפוֹת מַרְאֶה, אבער ווען ער דערמאנט די שֶׁבַע פָּרוֹת אֲחֵרוֹת רָעוֹת מַרְאֶה שטייט נישט מִן־הַיְאֹר נאר וְהִנֵּה שֶׁבַע פָּרוֹת אֲחֵרוֹת עֹלוֹת אַחֲרֵיהֶן! אויך איז שווער פארוואס ווען די תורה דערציילט וועגן די חלום שטייט וּפַרְעֹה חֹלֵם וְהִנֵּה עֹמֵד "עַל־הַיְאֹר" און ווען פרעה דערציילט זיין חלום זאגט ער בַּחֲלֹמִי הִנְנִי עֹמֵד "עַל־שְׂפַת הַיְאֹר" און נישט "עַל־הַיְאֹר"? נאר מיר ווייסן אז די יְאֹר איז געווען זייער עבודה זרה, האט פרעה נישט געוואלט ארויס זאגן אויף זייער ע"ז א שלעכטע ווארט און וועגן דעם האט ער נישט געזאגט עֹמֵד עַל־הַיְאֹר ווייל עס איז נישט געווען א כבוד צו זאגן אז ער שטייט איבער זיין ע"ז, משא"כ די תורה הק' איז מגנה זיין ע"ז און זאגט יא די פרות רָעוֹת מַרְאֶה עֹלוֹת אַחֲרֵיהֶן מִן־הַיְאֹר, און אויך עֹמֵד עַל־הַיְאֹר אזוי ווי דער מדרש (בראשית רבה פפ"ט ד) זאגט: אמר רבי יוחנן: הרשעים מתקיימין עַל אֱלֹהֵיהֶם, וּפַרְעֹה חֹלֵם וְהִנֵּה עֹמֵד עַל־הַיְאֹר. אבל הצדיקים אֱלֹקֵיהֶם מתקיים עליהם, שנאמר (בראשית כח יג) וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו. (בן לאשרי המקובל מרעננה)

**את חטאי א לשון רבים**

וַיְדַבֵּר שַׂר הַמַּשְׁקִים אֶת־פַּרְעֹה לֵאמֹר אֶת־חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם: (מ"א ט') דארף מען פארשטיין וועגן וואס דארף דער שר המשקים דערמאנען זיין חטא? נאך איז שווער דער לשון חֲטָאַי א לשון רבים, עס איז דאך געווען נאר איין חטא? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויט זקני הרה"צ ר' אלעזר ניסן זיע"א איז מפרש דעם פסוק: וְנָתַתָּ כוֹס־פַּרְעֹה בְּיָדוֹ "כַּמִּשְׁפָּט הָרִאשׁוֹן" אֲשֶׁר הָיִיתָ מַשְׁקֵהוּ: כִּי אִם־זְכַרְתַּנִי אִתְּךָ (מ' י"ג–י"ד) לויט וואס עס שטייט אין מדרש אז דער חטא פון שַׂר הַמַּשְׁקִים איז געווען אז מען האט געטראפן א פְּלִיג אין זיין כוס, איז לכאורה נישט פארשטענדיג, ווייל מען האט געטראפן א פְּלִיג קומט אים תפיסה וועגן דעם? נאר ווייל דער אויבערשטער האט געוואלט אז יוסף זאל עולה לגדולה זיין, האט ער אזוי מסבב געווען אז פרעה זאל ווערן אין כעס וועגן א נארישקייט, און דאס האט אים יוסף געזאגט: וְנָתַתָּ כוֹס פַּרְעֹה בְּיָדוֹ, דו וועסט נאכאמאל געבן די כוס פרעה, כַּמִּשְׁפָּט הָרִאשׁוֹן: און א פְּלִיג וועט זיין אין דעם כוס, און פרעה וועט נישט ווערן אין כעס וועגן די פְּלִיג, וועסטו זען אז די גאנצע מעשה פון תפיסה איז נאר וועגן מיר דעריבער זְכַרְתַּנִי, עכ"ד הקדושים. קען זיין פשט פון אֶת־חֲטָאַי: צוויי מאל געזינדיגט, מיט דעם וואס מען האט געטראפן א פליג צוויי מאל, און פונדעסוועגן פַּרְעֹה קָצַף עַל־עֲבָדָיו, נאר ביי דעם ערשטן מאל, איז דאך א סימן אז די גאנצע כעס פון דעם ערשטן מאל איז נאר אז יוסף זאל גרויס ווערן. (ברך משה סאטמאר)

נאך א תירוץ אויף אֶת־"חֲטָאַי" אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם (מא ט) א לשון רבים, ווייל חוץ פון דעם חטא, שנמצא זבוב בכוס של פרעה, איז דא נאך א חטא וואס ער האט נישט מקיים געווען זיין הבטחה צו יוסף וְהִזְכַּרְתַּנִי אֶל־פַּרְעֹה ביז יעצט. (בני בנימין –רייך– תלמיד בני יששכר)

## דרושים לחנוכה תירוצים אויף די קשיא פון בית יוסף

עס איז ידוע די קושיא פון ב"י (או"ח סי' תר"ע) –די קשיא ווערט שוין געברענט אין די ראשונים– פארוואס איז דא אכט טעג פון חנוכה בשעת אויף דעם ערשטן טאג האבן זיי געהאט שמן? און ענטפערט דריי תירוצים וז"ל 1] שחילקו שמן שבפך לשמונה חלקים, מען האט צוטיילט די קריגל אויף אכט חלקים און מען האט נאר אנגעצונדן א אכטל און דאס האט געברענט א אגאנצע נאכט 2] נאך וואס מען האט געלייגט די שמן אין מנורה, נשאר הפך מלא כבתחלה איז די פלאש געווען פול. 3] די שמן וואס מען האט געלייגט אין מנורה, אינדערפרי איז נאך געווען פול שמן אין מנורה און אזוי אלע נעכט. דעם ערשטן תירוץ איז גוט ווייל די ערשטע נאכט איז געווען א נס וואס די אכטל האט געברענט א גאנצע נאכט. אבער עס איז שווער ווייל עס שטייט (ויקרא כד ג) יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר און חז"ל לערנען תן להם מִדָּתָן שיהיו דולקים מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר, אויב אזוי ווי האט מען געמעגט ארייגלייגן ווייניגער פון שיעור? דער תוספות הרא"ש ענטפערט אז תן להם מִדָּתָן איז נישט מעכב. אבער אויף די צוויי אנדערע תירוצים איז שווער ווייל אויף די ערשטע נאכט איז געווען גענוג שמן?

**נס איז געווען פון די פייער פון מזבח**

ענטפערט דער יציב פתגם לויט וואס עס שטייט אין סדר הדורות אז די חשמונאים האבן נישט געהאט פייער אויף די מִזְבֵּחַ און עס שטייט אין מס' (תמיד פ"ו מ"א) שֶׁמִּמֶּנּוּ –פון די מזבח– היה מדליק את המנורה בין הערבים. און אֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ איז נישט געווען! און עס איז געווארן א נס אז א פייער האט זיך אנגעצונדן אויף די מִזְבֵּחַ און מען האט געלייגט האָלץ און פון די פייער האט מען אנגעצונדן די מנורה, ממילא איז געווען א נס די ערשטע נאכט אויך. (יציב פתגם צאנז)

**פך השמן איז געווען פאר מנחות**

נאך א מהלך צו פארענטפערן די קשיא פון בית יוסף קען מען מחדש זיין אז דער פך השמן וואס מען האט געטראפן איז געווען פון די שמן וואס מען האט גענוצט פאר די מנחות ווייל די יוונים האבן נאר געוואלט מטמא זיין די שמן פאר די מנורה וואס איז כנגד די תורה און האבן געלאזט די שמן למנחות און די חותם פון כהן גדול האט געצייגט אז די שמן איז למנחות, האבן זיי דאס נישט מטמא געווען, איז געווען די שאלה ביי די כהנים אז די תורה הק' זאגט וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד.(שמות כז כ) און די שמן דארף דאך זיין כָּתִית לַמָּאוֹר און נישט כָּתִית לְמְנָחוֹת, נאר די ערשטע טראפ איז פאר די מנורה! האבן די כהנים פארשטאנען אז די פסול פון וְלֹא כָּתִית לְמְנָחוֹת איז נאר ווי די תורה פירט אויס לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד, –שטענדיג און ברענען קלאר– ממילא אויב עס וואלט געווען אז די שמן וואס איז כתית למנחות וואלט געברענט אזוי קלאר ווי די שמן למאור וואלט געווען כשר. און טאקע די כהנים האבן אנגעצונדן די מנורה מיט די שמן למנחות און די נס איז געווען אז עס האט געברענט אזוי גוט ווי די שמן כתית למאור. איז דעם נס געווען אין די ערשטע נאכט אויך. (ספרי שמח זבולון תשל"ח)

# מדור העובדות

# מעשיות פון די מידה בין אדם לחבירו נישט פארשעמען א צווייטן

**משנה געווען א מנהג פון חנוכה כדי נישט פארשעמען א איד**

דער הייליגער בעלזא רב ר' אהרן זצוק"ל פלעגט אנגרייטן און צינדן די חנוכה ליכט אינדרויסן אנקעגן די חסידים, איינמאל הייסט דער רב ז"ל צום משמש אז ער זאל אריינעמען די מנורה ווייל מען גייט היינט אנגרייטן די מנורה און צינדן אינעווייניג. די חסידים האבן זיך געוואונדערט וואס איז היינט אנדערש פון אלעמאל? און אויף מארגן האט דער רב ז"ל יא אלעם געמאכט אנקעגן די חסידים! דער משמש האט מחליט געווען ער וועט פארענטפערן די חסידים, דא איז געווען א טיפע כוונה פון רב ז"ל ווייל פשוט איך האט בטעות ארויסגעשטעלט ביי די מנורה אנשטאט א פלאש פון שמן זית און געלייגט א פלאש פון מעד -א האניג טרונק- און דער רבי האט דאס מרגיש געווען און כדי איך זאל נישט ווערן פארשעמט אנקעגן אלעמען און אז קיינער זאל נישט כאפן מיין טעות, איז דער רב ז"ל אריין אין זיין צימער אנגרייטן און צינדן, און משנה געווען כדי נישט צו פארשעמען א מענטש!

**געמאכט א געשעפט און נישט פארשעמט**

די מעשה איז געשען ביי איינע פון משפחת לודמיר וואס זענען געווען באיאנער חסידים עס איז געבוירן געווארן א קינד ביי איינע פון זיי און פונקט דעמאלטס איז דער הייליגער באיאנער רבי ר' מרדכי שלמה זצוק"ל (ה' אדר תשל"א) נישט געווען אין געגנט, האט דער אבי הבן מכבד געווען דעם הייליגן בלאזובער רבי הרה"צ ר' ישראל שפירא זצוק"ל (חשון תר"ן ביז חשון תש"ן) צו זיין סנדק. דעם טאג פון ברית האט מען נישט געקענט מאכן א ברית און דאס אפגעשטופט. ווען מען האט שוין געקענט מאכן דעם ברית איז שוין דער באיאנער רבי שוין געהאט צוריק געקומען. דער אבי הבן האט נישט געוואוסט וואס צו טאן! ער האט שוין מכבד געווען דעם בלאזובער רבי צו זיין סנדק אבער יעצט איז דער רבי שוין דא. האט ער זיך אויסגערעדט פארן באיאנער רבין וואס זאל ער יעצט טאן? און דער רבי האט אים געענטפערט אז ער זאל זיך נישט זארגן ווייל ער וועט זיך שוין א עצה געבן מיטן בלאזובער רבי! און דער באיאנער רבי נעמט דעם טלפון און קלינגט אן דער בלאזובער רבי און זאגט אים ער וויל מאכן א געשעפט מיט אים, און דער בלאזובער זאגט גוט. דער באיאנער רבי זאגט אז אזוי ווי מיין חסיד האט אייך מכבד געווען מיט סנדקאות, וויל איך אייך אנטראגן א געשעפט, איך וועל נעמען די סנדקאות און איך גיב איבער די סידור קידושין פון קינד פארן בלאזובער רבי. דער בלאזובער רבי ענטפערט דאס איז א גוטע געשעפט און איז מוותר אויפן סנדקאות. דער ברית איז פארגעקומען בשלום . דער בלאזובער רבי איז שוין דעמאלטס געווען א זקן פון 80 יאר. ווען דער קינד איז געווארן א חתן האט מען מכבד געווען דער בלאזובער רבי צו זיין מסדר קידושין פארן קינד. ער האט געלעבט ביז 100 יאר. אביסל נאכן סידור קידושין איז ער נסתלק געווארן זיע"א. עס איז געווען א גוטע געשעפט, קיינער איז נישט געווארן פארשעמט. (געהערט פון ר' שבתי בן צירל באלד נ"י לרפו"ש)

**הגאון ר' שלמה זלמן אוירבאך זצ"ל ראטעוועט א חתן פון בושות**

אין דעם שערי חסד געגנט אין ירושלים וואו די גדולי ירושלים ווי דער טעשבינער רב, ר' שלמה זלמן און ר' שלום שוואדרון וכו' האבן געוואוינט איז געווען די מנהג אז א חתן האט באקומען מפטיר און אויך געדארפט ליינען די הפטורה הויך, איינמאל איז געווען א חתן וואס האט געשטאמפעט און איז געווען אויסער זיך ווי וועט ער פארטראגן די בושה בפני עם ועדה און ליינען די הפטורה. דער חתן איז געווען נאנט מיט הגאון ר' שלמה זלמן אוירבאך זצ"ל וואס האט דארט געוואוינט [אגב ער איז געווען א שוואגער מיטן מגיד ר' שלום שוואדרון זצ"ל און אויך געוואוינט דארט] און דער חתן האט זיך אויסגערעדט זיין ווייטאג פארן גאון ר' שלמה זלמן, וואס האט אים געזאגט אז ער וועט שוין זען צו פארמיידן אז עס זאל נישט זיין קיין בושות און אלעם מיט חכמה. שבת אינדערפרי קומט אריין ר' שלמה זלמן אין יענע שול פון חתן, -הגם ער פלעגט דאווענען אין א אנדערע שול,- און זאגט ער איז געקומען דאווענען דא לכבוד דער חתן וואס איז געווען נאנט צו אים. און ר' שלמה זלמן גייט צו דער גבאי און בעט מפטיר ווייל ער האט א יארצייט! און דער גבאי האט געענטפערט במחילת כבודך מיר האבן א חתן, און מען וועט דיר געבן א אנדערע עליה, זאגט ר' שלמה זלמן: גוט, אבער איך וויל אבער אויך זאגן די הפטורה, ענטפערט אים דער גבאי דארף מען פרעגן דעם חתן צו ער איז מסכים דאס אוועקגעבן פאר אייך, און פארשטייט זיך דער חתן האט מסכים געווען, און אזוי האט דער גאון מיט זיין חכמה פארמיטן בושות פאר א חתן.

**ביאלא רבי זצוק"ל בעל חלקת יהושע עסט שנעל די סעודה פַאר זמירות**

דער הייליגע ביאלא רבי דער בעל חלקת יהושע זצוק"ל האט באמערקט אויף א חסיד וואס איז געקומען צו אים אויף שבת פון דערווייטענס און דער רבי זעט אז יענער איז זייערר הונגעריג -ווייל מן הסתם האט ער נישט געהאט קיין צייט עפעס צו טועם זיין ביי זיין נסיעה- און דער רבי וואס האט געווענטלאך זייער מאריך געווען מיט זינגען אסאך זמירות פאר קידוש און אויך נאכדעם און שפעטער זיך געוואשן צו די סעודה, און יעצט האט דער שנעל געמאכט קידוש אן די זמירות און זיך גלייך געוואשן און געהייסן ברענגען די סעודה און דער איד האט זיך פארכאפט זיין הונגער אָן ער זאל וויסן וואס עס האט דא געשען.

**סטָאלינער רבי זצוק"ל קוקט נישט ארויס פון חומש!**

הרבני ר' לייבוש קאהן נ"י ווען ער איז געווען א אינגל אין שנת תש"א איז זיין משפחה געווען אין א זומערהיים -מלון- אין טענערסוויל נ"י און אויף שבת איז דער סטאלינער רבי ר' יוחנן זצוק"ל אויך געווען, האט ער דערציילט אז איין שבת איז נישט געווען א בעל קורא און איינער האט זיך מרחם געווען און מסכים געווען מען זאל אים אונטערזאגן און ער האט געליינט מיט פול טעותים און דער עולם האט געלאכט און געשריגן נו! נו!, אבער א פלא איז געווען אז דער רבי קוקט אריין די גאנצע צייט אין חומש מיט סבלנות און דרייט זיך נישט אויס כאילו גארנישט האט פאסירט, נישט געוואלט פארשעמען דער בעל קורא!

**זונטאג זאת חנוכה -יום השמיני איז למעלה מן העולם- איז א טאג וואס מען קען זיך אויסבעטן אלעם וואס מען דארף**


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

*שו"ע הרב חסר כרך א' נדפס ע"י בן החידושי הרי"ם נדיר מאד $1500 , אוסף של ספרים שנדפסו בשנגהי $4000, סעט זוהר סלאוויטא מצב טוב $7000, תשובה בכת"י פון ערבי נחל, סעט היכל הברכה דפוס ראשון עם אלפי הגהות על רש"י ומפרשים ע"י ר' יצחק יוסף חזן מלאסק $13000 , תיקוני זוהר עם הגהות בעל בני שלישים $20000 , א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, כת"י ר' חיים וויטאל- זיין בר מצוה דרשה, א חיבור פון בעל נתיבות זיין ספר נחלת יעקב מיט הוספות, ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן. א אוסף פון ערשטער דרוק ספרים פון רבינו יואל מסאטמאר, א בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יעיר אזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון* הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 1000 יאר פון רבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. ר' יחזקאל ליבשיץ בעל המדרש והמעשה און אויך זיין ברודער ר' הילל, זייער אינטרעסאנט תוכן, מגן אברהם טריסק דפוס ראשון עם הברכה מצב מפואר $3500, מגן דוד דפוס ראשון זיטאמיר מצב נהדר $3200, ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר, מענה לשון דפוס זיטאמיר, כת"י פון באבא סאלי. שיינע לאנגע בריוו פון שדה חמד $3000, אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, ספר עם חתימת הרה"ק ר' צבי הירש מרימינוב, חידושי תורה מר' צבי הירש ברוידע לא נדפס $3000, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, ועוד ועוד

**אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש - מה יפית וועט זיין נאך חנוכה א פרייליכן חנוכה**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת